# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Jüdische Illustrierte Zeitung

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראָנען, — 5 רובל. האלביעהריג 5 קראָנען — 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2,75 קראָנען, — 1,50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפּ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 16 פראנק, האלביעהריג 7,50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראָדזקאגאסע 62. טעלעפאן נר׳ 412. פאסטשפארקאסען־קאנטא נר׳ 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיראַוואַ נר׳ 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נר׳ 16.

הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאס, סטר. סאראריע נר׳ 151.


## דער קאיזער אים פרעסבורגער „געטא".




דער קאַזער אם פרעסבורגער „געטאָ": דער קאיזער שפריכט מיט דעם פרעסבורגער אבערראַבינער ר׳ עקיבא שרייבער.


**אינהאלט:** עקספלאָזיע פון פולווערטהורם ביי קראקא – דער נעהיימניספולער טוידט פון דר. לעוויצקי – דער ענגלישער קעניג אלס ויענער – גענעראל שטעסעל בעפרייט – יובילעאום פון דר. קאַנטאר – אַריסטאָקראַט און מיליאָנערין – דער נייער דומא־דעפוטאַט פון ווארשא – א אויערבאך־דענקמאל – ארץ־נהרים פאר יודען – פערגאמענט׳ס טוידט–דיזעל ציווישען רייכסראטהאבגעאָרדנעטע א. ז. וו.

# דער קאיזער אים פרעס־בורגער „גהעטא“.

פארינען זאנטאג איז אין פרעסבורג ערעפענט געווארען דאס סט. עליזאבעטה־קינדערהיים, צום אנדענקען אן די זעלינע קאיזערין עליזאבעטה.

דער קאיזער איז געפאה־ען קיין פרעסבורג, די ערעפנונג פערזענליך פארצונעהמען און די גאנצע בעפעל־קערונג האט דעם מאנא־ך בעגריסט מיט גרויסע אוואציעס.

דאס קינדערהיים געפינט זיך אין א היסטא־יש הויז! דא־ט זענען פאר מעהר ווי 130 יאהר, נאכ־עם ווי קאיזער יאזעף האט א־ויסגעגעבען זיין בעריהמטעס טאלעראנץ־עדיקט, די פערטרעטער פון אלע 4 קאנפעסיאנען (קאטוילקען, גריעכיש־ארטהאדאקסע, פראטעסטאנטען, און יודען) צוזאמענגעקומען צו א בעראטהונג וועגען שטעדטישע ענינים. און צום ערשטען מאל זענען די פערטרעטער פון אלע בירגער געזעסען ביי איין טיש און האבען פ־יעדליך בעראטהען צווישען זיך.

צו דער ע־עפנונג פון דעם קינדערהיים האט דער קאיזער געברויכט דורכפאהרען די שטראסען פון דעם יודישען גהעטא אין פרעסבורג. דיעזע גאסען זענען זעהר שמאל און האלפערדיג און ס׳האט געקאסט פיעל א־בייט, ביז מען האט זיי געקענט א ביסעל אויסבעסערן, דער קאיזער זאל קענען דורכפאהרען.

די פערטרעטער פון דער יודישער געמיינדע האבען זיך געזעגנדעט מיט דער ביטע, אז אים פעסטפראגראם זאל אויך אויפגענומען ווער־ען די בעגריסונג פונ׳ם קאיזער דורך דעם יודישען געמיינדע־פא־שטאנד פאר דער גרויסער שוהל. די געמיינדע האט לכתחילה געמאכט שוועריגקייטען, בעהויפטענדיג, אז די גאס איז זעהר שמאל און דער קאיזערליכער וואגען קאן דארט נישט בלייבען שטעהען.

שפעטער אבער האט מען דאס בעוויליגט און דער קאיזער איז ביים פאר ביי־פאהרען שטעהען געבליעבען נעבען דער שוהל, וואו דער פארשטאנד האט איהם בעגריסט און דער אבעראבינער הרה״ג ר׳ עקיבא שרייבער, אן אוראייניקעל פונ׳ם חתם־סופר און א אייניקעל פונ׳ם „כתב־סופר“, האט געמאכט די ברכה „ברוך שחלק מכבודו“.

דער קאיזער האט מיט דעם ראבינער זעהר פריינדליך געשפראכען און איהם אויסגעפרעגט איבער די צושטענדע אין דער יודישער קהלה.

אונזער אילוסטראציע אין היינטיגען נומער שטעלט פאר דעם מאמענט, ווען דער ראבינער שרייבער שטעהט פאר דעם קאיזער.



שרעקליכע שיפסעקספלאזיע: דאס אונטערזעעבאט „פאקא“ פליעהט אין דער לופט דורך א דינאמיט־עקספלאזיע אים האפען פון נעאפעל.

# שרעקליכע שיפס־עקספלאזיע.

אים האפען פון נעאפעל (איטאליען) איז פאר צוויי וואכען פארגעקומען א שרעקליכע עקספלאזיע אויף א אונטערזעע־באאט, וועלכעס האט געפא־דער־ט עטליכע מענשליכע קרבנות.

דאס אונטערזעע־באאט „פאקא“ איז געשטאנען אים האפען, אנגעגרייט אבצופאהרען, די גאנצע מאנשאפט איז שוין געווען דארויף פערזאמעלט.

פלוצים הערט זיך א פורכטבא־ער קראך און דאס גאנצע שיף, מיט אלע דארויף אנוועזענדע מענשען פליעהט אין דער לופט.

אים פולווער־מאגאזין האט זיך געפונען א גרויסע מענגע דינאמיט, וועלכעס איז דורך א נישט־בעקאנטער אורזאכע עקספלאדירט. די קראפט פון דער עקספלאזיע איז געווען אזוי גרויס, אז אין די הייזער נאהענט פונ׳ם האפען זענען פאסט איבעראל די שויבען צערבראכען געווארען און די גאנצע אומגעגענד האט געציטערט ווי ביי א שרעקליכען ערדציטער־ניש.

פון דער גאנצער מאנשאפט, וואס האט זיך געפונען אויפ׳ן שיף, איז קיין איינציגער געבליעבען לעבען. דאס שיף אליין איז צעריסען געוואָרען אויף שטיקער און ס׳איז דאפון קיין שריד ופליט נישט איבערגעבליעבען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען דאס שיף פליעהט אין דער לופט דורך דער שרעקליכער עקספלאזיע.

# פולווער־עקספלאזיע אין קראקא.

שבת ארום 6 א זייגער פארנאכט איז אין קראקא אין אומגעגענד אויסגעבראכען א גרויס געוויטער. א שלאקס־רעגען מיט דונערן און בליצען.

פלוצים, קענען האלב 8 אבענדס דערהערט זיך א שרעקליכער קראך, ווי ביי א ערדציטערניש. אין זעהר פיעל הייזער זענען די טהירען אויפגעריסען און די שויבען אויסגעשלאגען געווארען.

אין אלע דיעזע הייזער האט מען געמיינט, אז דער דונער האט דא איינגעשלאגען און מאסען מענשען האבען זיך אומגעשטעלט, זעהען וואס ס׳איז געשעהען.

באלד אבער איז מען געוואהר געווארען דעם אמת. א דונער האט איינגעשלאגען אין איינעם פון די 4 פול־



בעקוועמע אייזענבאהן־רייזען: אייזענבאהנוואגאנם מיט טעלעפאן, שרייבמאשינען, עטצ. אין אמעריקא.



אריסטאקראט און מיליאנערין: גראף קאלאראדא מאנספעלד און זיין פרוי, מיס איזעלין נאך דער ציוויל־טרויאונג

שטעסעל איז געשטעלט געווארען פאר א קריגס־געריכט, וועלכעס האט איהם פערארטהיילט צום טויד. דער צאר האט אבער די שטראפע אבגעענדערט אין 10 יאהר פעסטונגס־האפט.

שטעסעל'ס קרובים האבען זיך שטענדיג עטליכע מאל משתדל געווען, מען זאל איהם אים גאנצען בעגנא־דיגען, און שליסליך איז זיי דאס געלונגען. נאך 14־מאנאטליכען ארעסט איז שטעסעל ארוים פריי.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אָרי־גינעל בילד פאָרשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען דער „העלד" נעהמט ארוים פון דער פעסטונג.

## א אויערבאך־דענקמאל.

אין דרעזדעלבער צייט, ווען היינריך הייגע קען בשום אופן נישט בעקומען א דענקמאל אין דייטשלאנד און אפילו אין דעם אויסלאנד ווערד ער פון די דייטשען פערפאלגט, אזוי אז קאיזער ווילהעלם האט זיך געפונען פעראנלאסט צו פערקויפען דאס היינע־דענקמאל, וואס די פערשטארבענע עסטרייכישע קאיזערין עליזאבעטה האט ערריכטעט אין איהר שלאס „אכילעאן" אויף דער אינזעל קארפו. נאכדעם ווי קאיזער ווילהעלם האט דאס שלאס געקויפט. — אין דרעזדעלבער צייט איז אין דעם דייטשען קוּרארט קאננשטאדט ערריכטעט געווארען א דענקמאל לכבוד פון דעם דיכטער און שריפטשטעלער בערטהאלד אויערבאך, פון וועלכען מיר ברענגען א בילד אין היינטיגען נומער.

דאס דענקמאל פון היינע האט געקויפט דער פער־לעגער פון זיינע שריפטען, דער בוכהענדלער קאמפע אין האמבורג און ער וועט עס אויפשטעללען אויף א עפענט־ליכען פלאץ אין האמבורג.

## א יודישער געלעהרטער געשטארבען.

אין בערלין איז פארינגע וואך געשטארבען דער געהיימער רעגירונגס־ראטה, פראפעסאר דר. אדאלף פינער, 67 יאהר אלט.

דער פערשטארבענע איז געבוירען געווארען אם 31 אויגוסט 1842 אין ווראנקע (פראווינץ פאזען). פון 1868 ביז 1863 האט ער בעזוכט דאס ברעסלויער ראבינער־סעמינאר, ווייל ער האט געוואלט ווערען ראבינער. שפע־טער אבער ווענדעט ער זיך צו דער מעדיצין און אים יאהר 1871 איז ער שוין דאצענט אין דער בערלינער אוניווערזיטעט. 1876 ווערד ער ערנאנט צום אויסער־ארדענטליכען פראפעסאר אין דרעזדעלבער אוניווערזיטעט. זייט 1874 איז ער געווען לעהרער אין דער טהיער־ערצטליכען האכשולע. 25 יאהר מיטגליעד פון דער טעכ־נישע קאמיסיע אים האנדלעס־מיניסטעריום און פיל'ם קאיזערליכען פאטענטאמט.

פראפעסאר פינער, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגען נומער, האט זיך אויך שטארק אינטערעסירט מיט יודישע כלל־זאכען און איז אויך געווען מיטגליעד פון דעם פארשטאנד פון דער בערלינער קהלה.

## דר. שטרויכער — עהרענ־בירגער פון טשערנאוויטץ.

דער געמיינדעראטה פון טשערנאוויץ, דער הויפט־שטאדט פון בוקאווינא, האט ערנאנט דעם יודישען אבגע־ארדנעטען דר. בענא שטרויכער צום עהרענמיטגליעד פאר זיינע פערדיענסטע לטובה פון טשערנאוויטץ.

דר. שטרויכער, בעקאנט אלס יודיש־נאציאנאלער פאליטיקער, איז צוגלייך קולטוספרעזידענט פון טשער־נאוויטץ, מיטגליעד פון בוקאווינער לאנדטאג און פון בוקאווינאער לאנדעס־אויסשוס. אין אלע דיעזע עפענטליכע קערפערשאפטען ווירקט ער שוין זייט יאהרען בצרכי הצבור באמונה און ער איז אין טשערנאוויטץ זעהר פאפולער.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די פא־טאגראפיע פון דיעזען מיכטיגען אבגעארדנעטען.

## דועל צווישען רייכסראטהס אבגעארדנעטע.

אים עסטרייכישען רייכסראטה איז פארינגע וואך אויסגעבראכען א קאנפליקט צווישען די צוויי אבגעארדנע־טע באראן ראלסבערג און מאליק, וועלכע האבען זיך ביידע בעשימפט און בעליידיגט.

מאליק האט ראלסבערג'ן פארגעווארפען, אז ער האט זיין איינענע נאציאן פעררראטהען. ראלסבערג ענטפערט דארויף, אז דאס איז א „אינפאמיע". די ביידע דעפוטירטע וואלטען זיך געווען די קעפ אבגעדרעהט. ווען אנדערע אבגעארדנעטע מישען זיך נישט אריין און רייסען זיי נישט א וועק איינעם פון אנדערן.

דער סוף פון דעם קריג איז אבער געווען א דועל אויף פיסטוילען צווישען די צוויי דעפוטירטע. וועלכעס האט שטאטגעפונדען דעם אנדערן טאג אין א וועלדיל נישט ווייט פון וויען.

מען האט בעשטימט דרייםאליגעס שיעסען אויף 25 שריט ענטפערנונג.

ווען דער סעקונדאנט האט קאמאנדירט: „איינס, צוויי, דריי — פייערן", שיעסט צוערשט אבגעארדנעטער מאליק. זיין קוגעל פליעהט פאריבער האַרט נעבען דעם באראן ראלסבערג, טרעפט אבער נישט. אלס צווייטער שיעסט באראן ראלסבערג און טרעפט זיין געגנער ביים אויער. די פערוואונדונג איז אבער זעהר א לייכטע און דער קאמפף קען ווייטער פארטגעזעצט ווערען.

איצט אבער טרעפט זיך עפּיס זעלטענעס. די פיסטויל פונ'ם אבגעארדנעטען מאליק איז פלוצים עפּיס קאליע געווארען און מען קען זי נישט מעהר געברויכען. קיין אנדערע וואפע איז נישט פארהאנען אינטער דער האנד און אזוי ווערד דאס דועל ערקלערט אלס בעענ־דיגט... די ביידע געגנער צעשיידען זיך נישט איבערגע־בעטען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אָרי־גינעל בילד, פארשטעלענדיג די ביידע אבגעארדנעטע שיעסענדיג איינער צום אנדערן.



דער נייער־דומא־דעפוטאט פון ווארשא: וולאדיסלאוו יאבלא־נאווסקי



א יודישער געלעהרטער געשטארבען: פראפעסאר דר. פינער.



ארם־נהרים פאר יודען: דער מיליאנער יעקב ה. שיף, וואס אונ־טערשטיצט דיעזען פלאן.

# א נייע מיטעל געגען גנבים.

זעהר א פראקטישע ערפינדונג איז אין לעצטער צייט געמאכט געווארען דורך א דייטשען אינזשיניער. ער האט קאנסטרואירט א פאטאגראפישען אפאראט „קלעפטא־גראף“, וועלכער פאטאגראפירט אב יעדען איינברעכער ביי דער ארבייט.

פון דעם אפאראט זענען פערשפרייט דראהטען איבער׳ן גאנצען לאקאל. און קוים טרעט דער גנב אויף איינעם פון די דראהטען, ווערט דער אפאראט געזעצט אין טהעטיגקייט און פאטאגראפירט איהם אב גאנץ גענוי.

דער אפאראט איז אזוי אין דער וואנד בעפעסטיגט, אז מען קען איהם נישט אוועקנעהמען, ווייל זאנסט וואלט דאך דאס גאנצע נישט גענוצט. דער גנב וועט גאנץ איינפאך דעם אפאראט מיטנעהמען און ס׳איז נאך דער גאנצער הכמה.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א צייכענונג (ביילה), פארשטעלענדיג דעם נייעם אפאראט „קלעפטאגראף“.

# ארם־נהרים פאר יודען.

(דער נייעסטע פלאן פון די טעריטאריאליסטען).

די טעריטאריאליסטען, זעהענדיג, אז זייער פלאן, צו גרינדען א יודישען אויטאנאמען ישוב אין קירענאיקא, איז נישט געלונגען, ווייל דאס לאנד טויג נישט דאפאר און אויך די טירקישע רעגירונג מאכט שוועריגקייטען, האבען איצט אויסגעפונען א נייע לאנד פאר יודען: מעזאפאטאמיען (דאס ביבלישע ארם־נהרים). דארט אין דעם לאנד, וואס איז נאהענט פון ארץ־ישראל און וועלכעס האט אויך א היסטארישע בעדייטונג פאר יודען, ווילען זיי גרינדען א יודישען אויטאנאמען ישוב.

זייער פיהרער, ישראל זאנגוויל, האט דעם פלאן ערקלערט אין א גרויסער יודישער פערזאמלונג, וועלכע איז פאר נישט לאנג אבגעהאלטען געווארען אין לאנדאן. ער האט אויך מודיע געווען, אז די „יק״א“ איז איינשטימיג מיט דעם פלאן און איז גרייט צו געבען געלד פאר דיעזען צוועק.

איצט קומט פון ניו־יארק די ידיעה, אז דער בעקאנטער יודישער מיליאנער יעקב ה. שיף, וועלכער האט שוין אפטמאל געשאנקען גרויסע סומען פאר יודישע כלל־זאכען, האט זיך צוגעשלאסען צו די טעריטאריאליסטען און וויל זייער פלאן אונטערשטיצען מיט אלע כחות. יעקב ה. שיף איז טאקי דער הויפט־נאנזאטאר פונ׳ם גאנצען פלאן. ער האט זיך געזעצט אין פערבינדונג מיט אלע גרויסע יודישע ארגאניזאציעס, כדי וואס שנעלער צו קענען צוטרעטען צו דער ארבייט.

ווי ווייט אויך דער נייער טעריטאריאליסטישע פלאן וועט קענען דורכגעפיהרט ווערען, איז נאך א גרויסע שאלה. אבער דאס צושטעהען פון אזא פערזענליכקייט ווי יעקב ה. שיף, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגען נומער, צו די טעריטאריאליסטען, איז פאר זיי יעדענפאלס א גרויסער געווין.



דער ענגלישע קעניג אלם זיעגער: קעניג עדוארד פיהרט זיין זיעגרייכעס פפערד צו דער וואג.

# 137 יאהר אלט.

אין טיפליס (קאווקאז) לעבט א געוויסער אנדריי ניקאלאיעוויטש שמידט, וועלכער איז אלט 137 יאהר.

לויט א אמטליכער בעשטעטיגונג איז ער געבוירען אם 5 סעפטעמבער 1772. ער האט טהיילגענומען אין אין די קריגע קעגען נאפאלעאן, 1798 האט ער געקעמפט אונטער גענעראל סוואראוו אין איטאליען, 1812 אין דער שלאכט ביי סמאלענסק געלינגט עס איהם, צו ערארבערן א פראנצויזישע פאהן און ער בעקומט דאפאר דעם געארגס־ארדען דריטע קלאס און א זילבערנעם מעדאל. 1832 נעמט ער אנטהייל ביי דער ערשטירמונג פון ווארשא. אין קרים־קריעג קעמפפט ער נאך ריסטיג און טאפפער. 1857 איז ער פענסיאנירט געווארען און זייטדעם לעבט ער אין טיפליס רוהיג און בעקוועם

אויך איצט איז דער אלטער מאן, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין אונזער היינטיגען נומער, נאך ריסטיג, נאר די פיס זענען איהם א ביסעל שוואך און ער נעהמט אננעשפארט אויף א שטעקען.



דועל צווישען עסטערייכישע אבגעארדנעטע; די אבגעארדנעטע באראן ראלסבערג (לינקס) און מאליק (רעכטס) שיעסען געגען איינאנדער.



דער געהיימניסװאָלע טוידט פֿון דר. לעוויצקי: דר. לעוויצקי, וועלכען מען האָט געשראָסען אין זיין וואָהנונג דערשאָסען.

# אריסטאָקראַט און מיליאָ־נערין.

עס מעהרען זיך כסדר די חתונות פֿון אמעריקאַנישע מיליאָנערס־טעכטער מיט אייראָפּעאישע אַריסטאָקראַטען.

די אמעריקאַנישע מיליאָנערע ווילען דורכאויס אַריינברענגען דעם „אדעל" אין זייערע משפּחות, און ווייל אין אמעריקאַ אַליין קען מען דעם אדעלס־טיטעל נישט בעקומען, טראַכטען זיי וועניגסטענס דורך חתונות דאס צו צו ערייכען.

און די אייראָפּעאישע אַריסטאָקראַטען מאַכען נישט קיין גרויסע שוועריגקייטען אין דער זאַך. פֿערטרעטער פֿון דעם העכסטען אדעל. די שטאָלצעסטע געשלעכטער, האָבען חתונה מיט אמעריקאַנישע בירגערליכע טעכטער, ווען זיי ברענגען נאָר א היבש ביסעל מיליאָנען דאָלאַרס אלס נדן מיט.

געוועהנליך זענען דאס זאַלכע אדעלינגע, וואָס זייערע אדעלס־טיטעל האָבען זיי נאָר נישט זייער איינענס, זיי פֿערקויפֿען אלזאָ דעם אדעל פֿאַר געלד...

אין לעצטער צייט האָט זיך אָבער אויך א זעהר רייכער אונגאַרישער אדעלינער, גראף פֿערדינאַנד קאַלאַראַ־מאַנספֿעלד, פֿערהייראַטעט מיט דער טאָכטער פֿונ'ם אמעריקאַנישען מיליאָנער אליזער אייזעלין, אָט דיעזע חתונה, אין וועלכער דער חתן האָט זיך נישט דווקא בעדאַרפֿט פֿערקויפֿען פֿאַר דעם געלד, האָט אין אדעלינגע קרייזען געמאַכט דאס גרעסטע אויפֿזעהען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א פֿאָטאָגראַפֿיש בילד, פֿאָרשטעלענדיג דעם גראף פֿערדינאַנד קאַלאַראַ־מאַנספֿעלד מיט זיין יונגער פֿרוי אין דעם מאָמענט, ווען זיי געהען ארויס פֿונ'ם שטאַנדעס־אַמט אין ניו־יאָרק נאָך דער ציוויל־טרויאונג.

# א נייער ספּאָסוב צו בע־פֿערדערן פֿערד.

דאס בעפֿערדערן פֿון פֿערד פֿער שיף איז תמיד געוועזען זעהר בעשווערליך, ווייל די שטאַלונגען, וואו די פֿערד ווערען איינקוואַרטירט, געפֿינען זיך ערשט טיעף אין מיטען שיף און ווען מען פֿלעגט זיי אריבערטראַנספּאָרטירען אויפ'ן שיף דורך דעם טריט־ברעט, האָט מען זיי געמוזט איינצעלווייז פֿיהרען א היבשע שטרעקע און דאס פֿלעגט דויערן פֿיעל צייט.

איצט האָט מען אויף אלע גרויסע שיפֿען איינגעפֿיהרט א נייעם ספּאָסוב, ווי אזוי די פֿערד ארויפֿצובריינגען אויפ'ן שיף אין דעמזעלבען אופֿן ווי געוועהנליכע סחורה.

מען טהוט אן דעם פֿערד א ברייטען גורט איבער'ן גאַנצען מיטעלקערפער און אין אָט דעם גורט בעפֿעסטיגט מען די צייהן פֿון דעם קראַהן און מען ציעהט דאס פֿערד אַרויף, ביז אין מיטען שיף, דערנאָך לאָזט מען עס אַראָב דירעקט אין שטאַל אריין, וואו עס בלייבט זיצען דעם גאַנצען וועג.

דיעזער נייער ספּאָסוב, וועלכען מיר אילוסטרירען אין אונזער היינטיגען נומער, איז זעהר בעקוועם און דאס גאַנצע שפּיעלט זיך אָב ציעמליך שנעל און איינפֿאַך.



א נייער ספּאָסאָב צו בעפֿערדערן פֿערד: די פֿערד ווערען מיט'ן קראַהן אויפֿגעהויבען און אין שיף אריין בעפֿערדערט.



דער געהיימניספֿולע טוידט פֿון דר לעוויצקי: יאַנינאַ באָראַוואָסקאַ, וועלכע מען האָט פֿערדאַכטעט אונטער'ן פֿערדאַכט, אז זי האָט לעוויצקין דערשאָסען.

# דער נייער דומא־דעפּוטיר־טער פֿון ווארשא.

דער דומא־דעפּוטירטער פֿון ווארשא, ראמאַן דמאָווסקי, האָט פֿאַר א צייט רעזיגנירט פֿון זיין מאַנדאַט. דמאָווסקי איז געוועזען דער פֿיהרער פֿון פּוילען־קלוב אין דער דומא און בשעת ער איז געוועהלט געוואָרען, האָבען זיך די פּוילען פֿון איהם פֿערשפּראָכען גאָלדענע בערג. ער וועט אויפֿטהוען נאָר גרויסאַרטיגעס...

ער האָט אָבער גאָר נישט אויפֿגעטהון; זיין אויפֿטרעטען אין דער דומא האָט נישט געבראַכט דעם פּוילישען פֿאָלק קיין שום מאָראַלישען און פּראַקטישען נוצען. דמאָווסקי אַליין איז באַלד געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דורך זיין פֿיהרונג ווערט דער פּוילען־קלוב נאָר בלאַמירט און געשעדיגט, און ער האָט רעזיגנירט.

ווי גרויס די גלייכגילטיגקייט פֿונ'ם פּוילישען פֿאָלק צו דער דומא איז געוואָרען, איז דאַפֿון צו זעהען, וואָס ס'האָט זיך קיינער נישט אינטערעסירט, ווער ס'זאָל געוועהלט ווערען אויף דמאָווסקי'ס אָרט... דער בעפֿעלקערונג איז שוין אַלעס איינס...

געוועהלט געוואָרען איז דער ליטעראַט און קריטיקער וואָלאָדיסלאַוו יאַבלאָנאָווסקי, וואָס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגען נומער. יאַבלאָנאָווסקי געהערט עבענפֿאַלס צו דער נאַראָדאָווא־דעמאָקראַטישען פּאַרטיי, וועלכע האָט די פּוילישע פּאָליטיק אין דער דומא אזוי שטאַרק געשעדיגט. או דאס פֿאָלק האָט צו איהר פֿערלוירען יעדע האָפֿנונג.

# Wiedeński Bank Związkowy

## FILIA W KRAKOWIE — Rynek Główny, Linia A-B 44.

**Kapitał akcyjny 130 milionów koron. Fundusze rezerwowe 39 milionów koron.**

Przyjmuje **wkładki** w rachunku bieżącym i na **książeczki wkładkowe**. — Podatek rentowy opłaca bank z własnych funduszów. Kupno i sprzedaż papierów wartościowych, walut i dewiz. Udziela pożyczek wekslowych i na zastaw papierów. Przyjmuje walory w przechowanie. Wypłaca kupony i wylosowane efekta. Przyjmuje wszelkie zlecenia giełdowe. Udziela ustnych i pisemnych wskazówek w tym kierunku.





Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908.

najwyższem odznaczeniem **Grand Prix**

**Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy**

## Skład Gramofonów

# Józefa Wekslera

| we Lwowie | w Krakowie |
|---|---|
| Sykstuska 2 | Grodzka 71 |
| Telefon 2038/II | obok Wawelu |



**Jeneralne zastępstwo**
Towarzystwa Akc. Gramofonów z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«




poleca swoje stanowczo bez szmeru najlepiej grające Gramofony, oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za najlepsze i najtrwalsze.

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**

Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu

**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K**

Przeróbka lub zamiana Pathefonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.

Cenniki darmo i opłatnie.

Zjednoczone austryackie akcyjne towarzystwo żeglugi parowej

# „Austro-Americana“



**Regularna i bezpośrednia komunikacya z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.**

| Rozkład jazdy. | | Ceny jazdy z Krakowa: I. klasy | II. klasy | III. klasy |
|---|---|---|---|---|
| a) z Tryestu do Now. Yorku: | | | | |
| Argentyna | 24 kwietnia | k 431·40 | k 330·10 | k 208·80 |
| Alice | 8 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 15 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 22 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Martha Washington | 29 maja | » 431·40 | » 355·10 | » 223·80 |
| Argentyna | [illegible] czerwca | » 431·40 | » 330·10 | » [illegible] |
| Alice | 26 czerwca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Laura | 3 lipca | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Oceania | 10 lipca | » 431·40 | » 33 ·10 | » 208·80 |

Dla pasażerów jadących przez Nowy-York do Kanady obniżają się powyższe ceny o K. 20 —

Ceny zawierają już amerykański podatek.

| b) z Tryestu do Argentyny przez Rio de Janeiro: | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Zofia Hohenburg | 19 maja | k 881·40 | k 655·50 | k 138·80 |
| Franceska | 30 czerwca | » 881·40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Zofia Hohenburg | 4 sierpnia | » 881·40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Cena międzypokładowa Kraków — Rio de Janeiro . . . . . . . . . | | | | » 138·80 |

Zmiany zastrzega się.

Jeneralna Ajencya dla Galicyi i Bukowiny i sprzedaż kart okręgowych

# Goldlust i Spółka

## Kraków, ul. Lubicz l. 7.

naprzeciw dworca kolejowego

Lwów, ul. Na Błonie l. 2. — oraz wszystkie prowincyonalne ajencye

Biuro spedycyjno-komisowe. Zastępstwo Austryackiego i p. »Lloydu«.

# טירקען־לאָזע פאָם יאָהרע 1870.

6 ציהונגען יעהרליך.

הויפטטרעפֿער: 600,000 — 300,000 — 60,000 — 25,000 — 20,000 — 10,000

אונד פיעלע אנדערע גרעסערע געווינסטע.

נעכסטע ציהונג שוין אם 1 יוני מיט הויפטטרעפֿער פאָן פ־אנקס 400,000

עמפפיעהלט נעגען מאָנאַטסראַטען פאָן קראָנען 6, 7, 8, 10

**Karl Gottlieb, Bank & Wechselhaus, Krakau, Ringplatz 17.**

נאך ערפאלג דער ערשטען ראטע ואפארטיגעס שפיעלרעכט. דירעקטע פערבינדונג מיט דען פארטייען (אהנע אגענטען) דאהער ביליגער אלס איבעראל.

ואמער סעזאן **מאריענבאד.** 1909

## שטרענג ארטהאדאקס כשר האבעלענאנטעס

# I. ווינער קאפע־רעסטוראנט

## אין מאריענבאד (הויז צוקונפט).

אם 1 מאי 1909 ערעפֿנעטען וויר אין מאריענבאד פערדינאנדשטראססע אויף שטרענג ריטועלער כאוז דאס I. ווינער קאפע־רעסטוראנט.

דיא כשר אבליגענהייטען אונטערשטעהען אויסשליעסליך דער פערזענליכען לייטונג דעס רענאמירטען ארטהאדאקס כשר רעסטאוראטערס הערין יאקאב פינקאס. וויען, II. ליליענברוננגאססע 9.

**Pinkas & Herlinger.**

רעקאָמענצען איבער הערין יאקאב פינקאס ערטהיילט

הגאון מו"ה ישעיה פירסט נ"י רב דעדת ישראל שיפ שוהל וויען, הר' מו"ה עקיבא שרייבער אבד"ק פרעססבורג והרה"ג מו"ה שמחה בענט־עהרענפעלד אבד"ק מאטערס־דארף.

וועהרענד דער סעזאן מענין אים הויז.



# „Muzyka“

## Podgórze, Rynek

Gmach Magistratu

**Fabryczny skład orkiestryonów, gramofonów i pathefonów, oraz płyt najnowszych zdjęć, po cenach konkurencyjnych także na dogodne spłaty miesięczne.**

Katalogi gratis i franko.

Wysyła na prowincyę uskutecznia się odwrotną pocztą.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.